**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קאהאָוס אלץ 10 מיליאן דאלארדיגע הויפטשטאט ראיאן געוואונער אין די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

***שטאט-צענטער אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון די סטעיטס ברייטע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוקס סטראטעגיע***

***סטעיט צו ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק בעאמטע צו אויפלעבן קאהאָוס'ס שטאט צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאהאָוס סיטי וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די הויפטשטאט ראיאן געוואונער אין די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג (Downtown Revitalization Initiative, DRI). פאר די 6'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, ווערט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר, מיט א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע געגנטער.

"דורכן אינוועסטירן אין קאהאָוס'ס שטאטישע צענטער, פארזיכערן מיר די הצלחה פון די הערליכע און ווארעמע קאמיוניטי וואס איינוואוינער און באזיכער געניסן שוין פון לאנג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן פארזיכערן אז גאנץ קאהאָוס – פון אירע הערליכע וואסער פאלן ביז איר לעבעדיגע שטאטישע צענטער – קען זיין א פלאץ וואו איינוואוינער ארבעטן, פארברענגען און בליהען פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו דינט אלץ א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורכן איבערמאכן שטאטישע געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטערן פון אקטיוויטעטן וועלכע ברענגען א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. פונקט ווי אין די פריערדיגע DRI רונדעס, וועט יעדע אויסגעקליבענע קאמיוניטי אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן דורך א פלאנירונג פראצעדור וואס גייט 'פון אונטן ארויף' און איז באזירט אין די קאמיוניטי וואס ברענגט קלאר ארויס א חזון וויאזוי צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער און רעכנט אויס א ליסטע פון וויכטיגע פראיעקטן וועלכע האבן די פאטענציאל צו זיין מהפכיות'דיג און אזעלכע וועלכע נוצן אויס נאך פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען פון אנדערע מקורות. די סטעיט דעפּארטמענט וועט דערנאך צוטיילן DRI געלטער פאר אויסגעקליבענע פראיעקטן מיט די גרעסטע פאטענציאל צו גיבן א שטארקע שטופ פאר די אויפלעבונג באמיאונג און צו פארווירקליכן די קאמיוניטי'ס חזון.

**קאהאָוס**

קאהאָוס איז א קליינע שטאט מיט גרויסע איינריכטונגען. זייענדיג א היים צו א וואקסנדע קאמיוניטי פון רעסטוראנטן, ריטעיל געשעפטן, אנטיק געשעפטן, קונסטווערק גאלעריעס און אונטערהאלטונג זאלן, און אזוי אויך אן אויפשטייגנדע באפעלקערונג פון איינוואוינער זיי צו שטיצן — איז קאהאָוס'ס שטאט צענטער אויף די שוועל פון טראנספארמאציע. די אויסערגעוועטליכע געמיש פון ביזנעסער וועלכע זענען באזעצט אין ארכיטעקטור פון די 19'טע יאר-הונדערט אויסגעמישט מיט גרינע שטחים און א קאמיוניטי גארטן גיבן א געפיל פון א מאדערנע קאמיוניטי מיט א משהו נאסטאלגיע. ספעציעלע געשעענישן ווי Rock the Block, Eat in the Street, Wing Wars, Soup Stroll, די Regional Food Bank'ס Mac & Cheese Bowl און פילע אנדערע הייבן אויף די קוואליטעט פון לעבן פון די איינוואוינער און ברענגען א לעבהאפטיגקייט צו די שטאט צענטער. די קוואליטעט פון לעבן איז נישט בלויז אן 'אחיזת עיניים', עס ווייזט זיך קלאר ארויס אין קאהאָוס'ס וואקסנדע באפעלקערונג וואס ווערט יונגער און מער פארשידנארטיג.

אין לויף פון די עטליכע פאר יאר האבן באדייטנדע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען געפירט צו א וואוקס אין דזשאבס, א שטופ פאר די שטאט-צענטער עקאנאמיע און א וואקסנדע פראצענט פון יונגערע מענטשן און פארשידנארטיגע באפעלקערונגען צווישן די איינוואוינער. קאהאָוס זוכט צו אויסנוצן די לעצטיגע אינוועסטירונגען און אירע היסטארישע אוצרות צו שאפן א ווארעמע, פיסגייער-פריינטליכע קאמיוניטי וואו איינוואוינער און געסט קענען געניסן פון פארשידענע עסנווארג, איינקויפונג און אונטערהאלטונג אפציעס. די DRI וועט ארייינבלאזן א פרישע חיות אין קאהאָוס אלץ א צוגענגליכע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט-צענטער מיט א שפע פון איינריכטונגען וועלכע מאכן די שטאט פאר א הויפט ראיאנישע דעסטינאציע דורכן צופאסן איבערשטע שטאקן פון געביידעס וועלכע האבן געשעפטן אונטן צו ווערן גענוצט פאר הייזער, דורכן פאררעכטן די פאדערשטע ציגלנע ווענט פון היסטארישע געביידעס און דורכן פארבעסערן די פארבינדונגען צו און אין די שטאטישע געגנט.

די הויפטשטאט ראיאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council, REDC) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן קאהאָוס אלץ איינע פון די נאמינירטע:

- שטאט-צענטער איז גדיכט-געבויט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרעניצן;
- שטאט-צענטער קען אויסנוצן פריערדיגע- אדער צושלעפן צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונג;
- לעצטיגע אדער יעצטיגע וואוקס פון דזשאבס אינעווייניג, אדער נעבן די שטאט-צענטער וואס קען צוציהען ארבייטער, שטיצן די איבערבויאונג און מאכן אז די וואוקס זאל קענען אנהאלטן;
- שטאט-צענטער איז אטראקטיוו און א פריינטליכע קאמיוניטי צו אירע איינוואוינער פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען;
- די לאקאלע רעגירונג כאפט זיך שוין ארום, אדער האט די מעגליכקייט צו באשאפן און איינפירן פאליסיס וואס פארמערן די פריינטליכקייט צו די איינוואוינער און די קוואליטעט פון לעבן;
- די לאקאלע רעגירונג האט געארבעט אפענערהייט און שטארקערהייט מיט די קאמיוניטי ארויסקומענדיג מיט א חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער, מיט אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און אינציאטיוון;
- די לאקאלע רעגירונג האט די לאקאלע מעגליכקייטן צו קענען פארוואלטן אויף דעם DRI פראצעדור; און
- די לאקאלע רעגירונג האט אידענטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן קורצליך נאך אן אריינפלוס פון DRI פינאנצירונג.

קאהאָוס איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג

די לאקאלע פלאנירונג פראצעדור. קאהאָוס שליסט זיך יעצט אן מיט די קאמיוניטיס פון גלען פאָלס, האדסאן, אלבאני, סקענעקטעדי, טענערסוויל און טראָי וועלכע זענען געווען די הויפטשטאט ראיאן'ס געווינער אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

קאהאָוס וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער מיט ביז אזויפיל ווי 300,000 דאלאר אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט ווייזן די וועג פאר די אינוועסטירונג פון די DRI גרענט געלטער אין אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-רוקן די קאמיוניטי'ס חזון פאר איר שטאט-צענטער און וועלכע קענען אויסנוצן און בויען אויף די סטעיט'ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר די DRI's זעקסטע רונדע וועלן פארענדיגט ווערן אין 2023.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט CEO, פרעזידענט און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו זעהן די DRI פארזעצנדיג צו אויפלעבן שטאטישע צענטערן ארום ניו יארק סטעיט, און די סיטי אָוו קאהאָוס וועט בקרוב צוזעהן אירע מהפכה'דיגע השפעות ערשטהאנטיג. די געלטער וועלן העלפן די אזוי-גערופענע 'שפינדל שטאט' פארווירקליכן אירע ציהלן צו ווערן מער פארבינדן און פיסגייער-פריינטליך און אזוי אויך צו אויפלעבן היסטארישע געביידעס און פאדערשטע ווענט פון געשעפטן צו צוציהען נייע איינוואוינער און באזיכער און פארזיכערן איר צוקונפטיגע וואוקס."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "אונזער סטעיט גייט אריבער א רעוואלוציע אין אן אויפשטייג פון שטאטישע צענטערן, און די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו זעצט פאר די שוואונג אריין אין די זעקסטע רונדע. מיט לעצטיגע אינוועסטירונגען אין די שטאט-צענטער קאמיוניטי און אן אריינפלוס פון יונגערע, מער פארשידנארטיגע איינוואוינער, איז קאהאָוס אויף די שוועל פון אן עכטע טראנספארמאציע, און די געלטער פון די DRI וועלן העלפן די שטאט עררייכן איר חזון. מיינע בעסטע וואונטשן פאר די סיטי אָוו קאהאָוס אויף איר גרענט."

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "קאהאָוס איז א פארשידנארטיגע שטאט מיט א ברייטע רייע פון דעסטינאציעס און געשעענישן, און די סטעיט'ס 10 מיליאן דאלארדיגע צוזאג צו די אויפלעבונג פון די שטאטישע צענטער וועט אריינבלאזן א שטערקערע חיות אין די וואקסנדע קאמיוניטי. א דאנק גאווערנער האקול און די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו קענען מיר שאפן נייע האוזינג געלעגנהייטן און רענאווירן עקזיסטירנדע פאדערשטע ווענט פון געשעפטן אין וועגן וועלכע בענעפיטירן יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער און ערגענצן נאך סטראטעגישע אינוועסטירונגען וועלכע ווערן געמאכט אריבער די גאנצע הויפטשטאט ראיאן."

**הויפטשטאט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָו-טשעירס, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, פרעזידענט פון פארמעגנס פארוואלטונג און ראיאנישע פרעזידענט פון NBT Bank און דר. האווידאן ראדריגעז, אלבאני אוניווערסיטעט פרעזידענט, האבן געזאגט,** "קאהאָוס איז א שטייגנדע הויפטשטאט ראיאן קאמיוניטי, און די DRI וועט העלפן איר פאראויסס שטופן אלץ א פארשידנארטיגע און לעבהאפטיגע דעסטינאציע. די הויפטשטאט ראיאן REDC קוקט ארויס צו די סטראטעגישע פראיעקטן וועלכע האבן אויסגעהערט די קאמיוניטי און וועלכע וועלן פארבינדן איינוואוינער און נייגעקומענע מיט אלעס וואס די שטאט האט צו אפפערן."

**סטעיט סענאטאר דזשעיקאב עשבי האט געזאגט,** "די גאווערנער האט געמאכט א קלוגע באשלוס ביים אויסוועהלן קאהאָוס צו באקומען א DRI גרענט. די מיטלען וועלן פארשנעלערן וואוקס און פארשריט וועלכע זענען אונטערגעצינדן געווארן דורך א סעריע פון פובליק און פריוואטע אינוועסטירונגען אין די שטאט'ס אפּאָרדעבעל האוזינג, באגייסטערנדע רעסטוראנטן און לעבהאפטיגע קונסטווערק סצענע. איך בין שטאלץ דאס צו שטיצן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאַנעלד דער דריטער האט געזאגט,** "אלץ געוועזענער מעיאר פון קאהאָוס און איר יעצטיגע אסעמבלי מיטגליד, האב איך שטענדיג געטרוימט פון א געלעגנהייט ווי די וואס די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו ברענגט פאר מיין היימשטאט. איך בין אזוי פרייליך פאר די שטאט און פאר אונזערע איינוואוינער וועלכע וועלן בענעפיטירן פון דעם טראנספארמאטיווע פראיעקט. איך וויל באדאנקען און מכיר טובה זיין פאר גאווערנער קעטי האקול פארן דאס ברענגען צו די מציאות, און איך וויל אנמערקן אז די עקזעקיוטיוו און לעגיסלאטיווע צווייגן פון רעגירונג זענען אין פולע איינשטימונג אויף די וויכטיגקייט פון דעם פראגראם. אין צוגאב גייט די DRI פאר די סיטי אָוו קאהאָוס שכל'דיגע צוזאמען מיט די 'ניו יארק געדיכטע האוזינג' (New York Housing Compact) פלאן וואס איז פארגעשלאגן געווארן דורך גאווערנער האקול אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט. דורך די DRI אינוועסטירן מיר אין אונזערע שטאטישע צענטערן וועלכע האבן געפירט צו די געבורט פון אונזערע סאָב-אורבען געגנטער, און די הצלחה פון די שטאטישע צענטערן האבן געפירט צו וואוקס אויף ארויס. אזוי ווי מיר ארבעטן צו מאכן ניו יארק סטעיט א מער פריינטליכע פלאץ צו וואוינען און גרינגער זיך צו ערלויבן, איז דאס אן אויסגעצייכנטע אינוועסטירונג פון סטעיט מיטלען, און פארמערטע אנטוויקלונג פון די געגנט וועט פירן צו גרעסערע ביזנעס געלעגנהייטן. אן אמת'ע געוואונס פאר אלע ניו יארקער."

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספּארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 600 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 59 שטאט צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפּמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן.

אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן